# להתוודע ולהגלות

בנוגע פרשת "ווייס וואלהענדלער ניימאן"

בס"ד

יום א' פרשת פנחס שנת תשע"א לפ"ק

איך קלמן יהושע ווייס (פראממער) טוה דא באשטעטיגן אז איך בין קלאר אין די דאזיגע פאקטן, דהיינו אויב איך שרייב אונטער אויף א הסכם מיט מיין ווייב אסתר חנה אז איך ערלויב איר צו נעמען אונזערע קינדער אויף מאנטריאל, גיי איך איין אויף די קאנסעקוועוצן.

א) פיזיש צו דערווייטערן מיינע קינדער פון מיר.

ב) אויב איך וועל זעהן אדער הערן אז מיינע קינדער בענקען זיך נאך מיר אדער חלילה זיי זענען דעפרעסט אדער חס ושלום עס רירט צו צו זייער גייסטישע געזונט אדער צו זייער אידישקייט, וועל איך זיין אומבאהאלפן צו טאן עפעס דערוועגן, צוליב דעם וואס זיי זענען ווייט פון מיר, און אויך ווייל איך האב אויפגעגעבן מיינע געזעצליכע רעכטן, איך וועל קענען קלאגן "פאר וואס האט יוסף ברוך (וואלהענדלער) דאס געטאן מיט מיר", אויך וועל איך קענען וויינען פאר בן ציון פריעדמאן אויפן קאפ "די האסט נישט געמעגט מיר לאזן דאס טאן", אבער ממשות'דיג וועל איך גארנישט קענען טאן.

ג) אויב זי וועט נישט איינהאלטן די הסכם וועל איך נישט קענען גיין אין קארט ביז עס וועט זיך איינזאמלען גענוג סיבה אריינצוגיין אין קארט, און ביז דערווייל וועל איך אויך נישט קענען גיין זיי באזוכען אין חדר ווייל עס איז צו ווייט.

ד) ווען עס וועט שוין זיין גענוג סיבה אריינצוגיין אין קארט, ווייס איך נישט צו איך וועל האבן חשק דערצו.

ה) ווען איך וועל שוין אריינגיין אין קארט קען די קארט אויך גארנישט טאן ווילאנג די קינדער זענען אין מאנטריאל.

ו) אויב די קינדער זענען אין מאנטריאל פאר א צייט אפשניט פון זעקס חדשים אין איין צו, פארלירט די געריכט די לעגאלע רעכטן אויף די קינדער.

אדער וויבאלד איך האב אומדערטרעגליכע טערור פון מיין משפחה, און איך שפיר אז איך האלט עס מער נישט אויס, דעריבער בין איך געקומען צום באשלוס אונטערצושרייבן די הסכם מיט מיין ווייב איר צו ערלויבן צו נעמען אונזערע קינדער אויף מאנטריאל.

דער רבוש"ע וועט זיכער זיך אננעמען אויף מיין פארגאסענע אידיש בלוט.

הק' קלמן יהושע ווייס (פראממער)